Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
שיקראמ, ץערעפ

Moskve, 1941

נאזיטראפ נשיליופ מעד נופ דיל סָאד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

## דאָס ליד פון דעם פּוילישן פּאַרטיזאַן

פייגל טרויערן אַף אומעטיקעביימער,
פון די פעלדער קומט קיין ווינטל מיט געזאַנג;
ס'קלינגט דעם סוינעס שווערד אַף אונדזער היימלאַנד,
זאָג מיר, וואַלד, — ביזוואַנען און ווי לאַנג?

ווייַסל ליגט פאַרשמידט אין שווערע קייטן,
איר געוויין צו קיינעם ניט דערגרייכט, —
מירן יונג און אַלט אַף וועגן זיך צעשפּרייטן,
בענטש אונדז, וואַלד, מיט אופשטאַנד און מיט קוי'ך!

ס'קוקט די זון מיט פּיַין אַף וועלדער אַלטע,
אַף די שפּיצן לייַטערט זיך איר גינען-גאָלד;
האָסט אַזויפיל שטילקייַט אויסבאַהאַלטן
און אַזויפיל קרעכצן פון מייַן פאָלק.

אויב מיר וועלן אומקומען אין שלאַכטן,
אויב מיר וועלן פאַלן פון דער שווערד, —
זאָלסטו, וואַלד, עס אויסרוישן אין די באַנאַכטן,
אַז געפאַלן זייַנען מיר פאַר אונדזער ערד!